## קאַפּיטל זיבן

# אַ מיליטערישער פּאַראַד און אַן הזכרה

אין דעם טאָג פון מיליטערישן פּאַראַד בין איך אָנגעקומען פון ירושלים קיין תל־אביב אַרום צוויי אַזייגער נאָך מיטיק. איך בין צוגעגאַנגען נעמען אַן אויטאָבוס קיין רעננה. דער אויטאָבוס, וואָס איז אַלע מאָל געפּאַקט, און לאָזט נאָך איבער פּאַסאַזשירן, ווייל ער קאָן אַלעמען נישט אַריינגעמען, איז געווען אינגאַנצן ליידיק. נאָר איין אַלטע פרוי איז געזעסן אויף דער לעצטער באַנק. דער אָנטרייבער, וואָס האָט שוין מיך גוט געקאָנט, ווייל אָפט בין איך מיט אים געפאָרן קיין רעננה, האָט מיך אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט:

— איצט פאָרט איר גאָר אָפּ פון תל־אביב? פון אַלע עקן לאַנד קומט מען אָן אָנצוקוקן אונדזער מיליטערישן פּאַראַד און איר פאָרט צוריק קיין רעננה, צוויי שעה איידער דער פּאַראַד הייבט זיך אָן?

איך האָב אים געענטפערט קורץ:

— איך האָב נישט ליב קיין מיליטערישע פּאַראַדן.

דער אויטאָבוס איז שוין אַרויסגעפאָרן פון דער סטאַנציע, דער אָנטרייבער האָט געדרייט דאָס רעדל און גערעדט צו מיר:

— איר זענט אַ מאָדנער אַמעריקאַנער טוריסט. אַלע אייערע טוריסטן לויפן דאָך זען אונדזער גרויסקייט און שטאַרקייט און איר טוט זיך אַ זאָג:

— איר האָט נישט ליב קיין מיליטערישע פּאַראַדן! איר פאַרגעסט ר׳ ייד, איין זאַך: דאָס איז דאָך אַ יידישער מיליטערישער פּאַראַד. אַמאָל זענען אונדזערע פּאַראַדן באַשטאַנען פון אַרויסגיין בנערינו ובזקנינו — אַלט און יונג, מקבל פּנים זיין אַ שררה מיט ברויט און זאַלץ און אַ ספר תורה. דער גוי האָט

געוווסט און פאַרשטאַנען די קאַפּוליער אָנצוהערעניש: אין דער תורה שטייט דאָך „לא תרצח״, דו זאָלסט נישט מאָרדן. האָט דער גוי געקוקט מיט עקל אויף אונדז: — יידעלעך, שוואַכינקע, פּחדנים, ציטערן פאַר אַביסל בלוט. שוין צייט מיר זאָלן זיי ווייזן אַז מיר קאָנען אויך די מלאכה. זאָלן זיי קריגן דרך־ארץ פאַר אונדז.

די אַלטע פרוי האָט געדרעמלט אויף דער לעצטער באַנק פון אויטאָבוס. איך בין געזעסן נאָענט צום אָנטרייבער און איך האָב אים געענטפערט:

— מיין טאַטע פלעגט זאָגן, אַז אַ ייד קאָן טון אַלץ וואָס אַ גוי קאָן טון און נאָך עפּעס. אויך אַ חכמה — הרגענען מענטשן! אָבער לערנען אַ שטיקל חומש מיט רש״י קאָן קיין גוי נישט. איך בין נאָך אַלץ אַן אַלטמאָדישער ייד, וואָס גלויבט, אַז לא בחיל ולא בכוח כי אם ברוחי אמר אדני צבאות: נישט מיט זעלנער און נישט מיט מאַכט, נאָר מיט מיין גייסט, זאָגט גאָט פון צבאות.

ער האָט מיר געענטפערט מיט רוגזה:

— וואָס האָט איר צו טון מיט פסוקים? איר זענט דאָך לויט אייער הילוך קיין פרומער ייד; זאָלן די רבנים זיך ברעכן די קעפּ אויסצוטייטשן פסוקים. איך מיין אַז מיר זענען גענוג געשטאָרבן מיט פסוקים אין מויל, בעסער שוין צו לעבן מיט אַ ביקס אין האַנט.

— איך האָב פיינט יוונים, — האָב איך געענטפערט טראָציק, — אַ יוון איז אַ פאַרקליידטער מערדער. עס פּאַסט נישט פאַר יידן צו גרויסן זיך מיט זעלנער!

ער האָט אָפּגעשטעלט מיט כעס דעם אויטאָבוס. די אַלטע פרוי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון טרייסל און געפרעגט צעשראָקן:

— וואָס האָט דאָ פּאַסירט?

ער האָט זיך ווידער געלאָזט אין וועג און אָנגעהויבן רעדן מיט אמתן פאַר־דראָס, און אויסגעלאָזט זיין גאַנץ ביטער האַרץ צו מיר:

— איך פיר אייך שוין וואָכן הין און צוריק, פון רעננה קיין תל-אביב און פון תל־אביב קיין רעננה און איך האָב זיך גענוג אָנגעהערט מיט אייערע רייד. זעלטן רעדט איר צו דער זאַך. אַלעמאָל רייסט איר פּאַסן פון אונדז און איר דערגייט אונדז די יאָרן. פאַר באַגאַנגענע זינד און נישט באַגאַנגענע זינד. אייע־רע היינטיקע רייד זענען גלאַט נאַרישקייטן. קאָן זיין, אַז גויאישע סאָלדאַטן זע־ען פאַרקליידטע מערדער, אָבער אונדזערע סאָלדאַטן האָבן געראַטעוועט דעם ישוב! וואָס מיינט איר, מען האָט געקאָנט באַקעמפן די אַראַבער און ענגלענ־דער מיט פסוקים? און אייערע פּאַראייניקטע פעלקער אין לייק סוקסעס און אייער צאַצקעדיקע אַמעריקע? זיי פאַרשטייען איין שפּראַך — די פויסט! מיר

האָבן געשלאָגן צוריק און מירן נאָך שלאָגן. געבענטשט זאָל זיין די האַנט וואָס צילט און טרעפט! פארקלײדטע מערדער — האָט ער געזייט די ווערטער צווישן די ציין — מען טאָר אַזוי נישט רעדן. אַ ייִדישער סאָלדאַט דאָ אין לאַנד איז אַ העלד!

איך האָב אַ זיפץ געטון:

— נו, וואָס זאָל איך טון, אַז איך האָב פּאָרט פיינט זעלנער און איך זע נישט קיין שיינקייט אין מיליטערישע פאַראַדן און איך קאָן זיי נישט פאַרטראָגן. מילא, אַז מען מוז קעמפן, קעמפט מען. ס׳איז דאָך נישטאָ קיין ברירה. ס׳איז קיין נײַעס נישט פאַר ייִדן צו שטעלן זיך קעגן שונאים. אין גלות האָבן מיר אויך געקעמפט ווען מען האָט געדאַרפט. איין ביישפּיל איז טולטשין. אָבער זיך גרויסן מיט ביקסן און זעלנער און מאַכן פאַראַדן דערפון? — דאָס איז נישט ייִדישלעך!

— קיין לייט וועט שוין פון אייך נישט זיין, — האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. — איר זענט אַ גלות־ייִד, אַן עבד כנעני, אַ געבוירענער קנעכט.

איך בין אים נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער:

— איר זענט דאָך אויך פון גלות. לויט אייער ייִדיש זענט איר אַ אוקראַ־אינער. פונדעסטוועגן רעדט איר ווי אַן אמתער אויסגעלייזטער ייִד, — ווי אַ דריטער דור ישראלי!

ער האָט האַסטיק געטריבן דעם אויטאָבוס און נישט קוקנדיק אין מיין זייט, גערעדט:

— איך ווייס נאָר איין זאַך, ווען מיר וואָלטן געפאָלגט אַזעלכע ייִדן ווי איר, וואָלטן מיר נישט געקאָנט בויען דאָס לאַנד און אוודאי און אוודאי נישט איינגענומען עס. מיר וואָלטן אויסגעקוילעט געוואָרן פון די אַראַבער. איך בין שוין אַן אויטאָבוס־נהג (אָנטרייבער) פערצן יאָר און ערשט אין דעם לעצטן יאָר בין איך זיכער, אַז ווען איך גיי אַוועק אין דער פרי צו דער אַרבעט, וועל איך אין אָוונט צוריקקומען אַהיים אַ לעבעדיקער. פריער האָב איך יעדן טאָג, ווען איך האָב פאַרלאָזט מיין ווייב און קינדער, זיך געזעגנט מיט זיי אין דער שטיל. איז וואָס טויגן מיר אַלע חקירות? מיר וועלן בויען אונדזער לאַנד. וועט מען אונדז לאָזן בויען פרידלעך, איז מה טוב. אַנישט וועלן מיר זיך שלאָגן. מיר וועלן נישט זיין כצאן לטבח; גענוג אונדז געקוילעט ווי שאָף און גענוג דערנאָך זיך באַקלאָגט אין דאַווענען צום רבונו של עולם. און איך זאָג אייך: נישט נאָר וועלן מיר זיך שטעלן אַנטקעגן, מיר וועלן זיין די אָנפאַלער — אָבער אַלץ צו פאַר־היטן אַן אומגליק.

ער האָט אַפּנים געוואַרט אויף מיין ענטפער, אָבער איך האָב געשוויגן. האָט ער ווייטער גערעדט:

— אז ס'איז ביי מיר נישט קיין פריווילעגיע צו זיין אן אתה בחרתנוניק, צו זיין אויסדערוויילט אויסגעקוילעט צו ווערן. איך האלט, אז מיר דארפן פאַראדירן מיט טאַנקן, מיט ערעפּלאַנען, מיט האַרמאַטן און הכל בכל מכל פלעקל. זאָלן זיי זען און מורא האָבן.

ווען איך האָב אים אַלץ נישט געענטפערט, האָט ער גערעדט שוין מיט רוגזה:

— דאָס טוען מיר נישט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַר אַלע יידן. מיר בויען אפילו פאַר אייך אויך, איר זאָלט האָבן וווהין צו קומען אין אן עת צרה. איר נאַרט זיך. אויך ביי אייך אין אַמעריקע וועט קומען צו אן אומגליק. איך זאָג אייך, אז גלות האָט זיין לאָגיק.

דעם איבעריקן שטח פון דער רייזע זענען מיר געפאָרן שווייגנדיק. ס'איז אָבער אינטערעסאַנט, אז ווען ער האָט מיך אַראָפּגעלאָזן אין רעננה, האָט ער מיר געגעבן די האַנט, א שמייכל געטון און געזאָגט:

— זייט נישט ברוגז אויף מיינע בייזע און שאַרפע רייד. איר זענט א טייערער ייד, נאָר אייך פעלט דער חוש פון א נאָרמאַלן בירגער פון א נאָרמאַל פאָלק. איר האָט די אומלאָגישקייט פון א גלות־ייד.

איך האָב אים געדריקט זיין האַנט און געענטפערט:

— ביי מיר איז נאָך מדינת ישראל אַלץ יידן־לאַנד, ארץ ישראל, און צו יידן־לאַנד מעג מען האָבן טענות. ווען איך וועל שוין קיין טענות נישט האָבן צו אייך וועט עס נישט טויגן. דעמאָלט וועלן מיר זיין צו ווייט געשיידן.

— דאָס איז אמת. — האָט ער מיר געענטפערט, — א ייד דאַרף אַלעמאָל שטרעבן צו שלמות. עס דאַרפן זיין יידן, וואָס האָבן טענות און תביעות. מיר ווערן אַמאָל אין כעס, אָבער נעמט זיך נישט צום האַרצן. מיר ווערן אין כעס, ווייל מיר ווילן אויך נישט ווערן אויס יידן. איר מיינט אז מיר אַליין זענען מסכים מיט זיך הונדערט פּראָצענט? שלום!

ער איז אַפּגעפאָרן.

---

איבער א וואָך צייט האָבן אַלע צייטונגען גערופן דעם עולם אין מדינת ישראל צו קומען אויף א ביאַליק־הזכרה, וואָס וועט אָפּגעהאַלטן ווערן אין בית ביאַליק אין טאָג פון זיין יאָרצייט. די הזכרה וועט דורכגעפירט ווערן מיט דער מיטווירקונג פון די קאָרפּן־קעפּ פון דער העברעאישער ליטעראַטור אריינרעכענעדיק יעקב פיכמאַן, אשר באַראַש און י. ד. בערקאָוויטש.

מיין פרוי, טאָכטער און איך זענען געקומען אין צייט, פינף אזייגער

פּאַרנאַכט. מיר האָבן געוואַרט אַ האַלבע שעה ביז מען האָט געעפֿנט די טיר פֿון הויז. אַרום האַלב נאָך זעקס אַזייגער זענען געווען אין זאַל פֿערציק מענטשן. מען האָט אָנגעהויבן די הזכרה. זיבן אַזייגער האָב איך איבערגעציילט צוויי און פֿופֿציק מענטשן, וואָס העכער האַלב זענען געווען אַמעריקאַנער טוריסטן. יאָ, גאָר צום סוף איז געקומען שזר, דער בילדונגס-מיניסטער. אַרום און אַרום זענען געווען אויף דער הזכרה דריי און פֿופֿציק מענטשן, אַריינגערעכנט מיין דרייצן־יאָריקע טאָכטער און נאָך צוויי קינדער.

ס'איז געווען זייער אַ נודנער און נישט געלונגענער פּראָגראַם. אַ יונגער שרייבער האָט געלייענט אַ לאַנגע, צעצויגענע אָפּשאַצונג וועגן ביאַליקן. דער רעפֿעראַט האָט געדויערט איבער אַ שעה און דער שרייבער האָט איבערגעקייעט אַלע שאַבלאָנען, וואָס מען האָט ווען עס איז נאָר געזאָגט וועגן ביאַליקן. דערנאָך האָט יעקב פֿיכמאַן געלייענט ביאַליקס אַ ליד. ער האָט געלייענט זייער שטיל, קוים וואָס מען האָט געקאָנט אויפֿכאַפּן די ווערטער. צו לעצט האָט אשר באַראַש געלייענט עפּעס אַ טיף פּאַטריאָטיש מאמר, וואָס ער האָט אויפֿגעזוכט אין ביאַליקס כתבים. דער מאמר איז גאָרנישט געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר ביאַליקן נאָך דער הזכרה זענען געציילטע מענטשן געגאַנגען צו ביאַליקס קבר, וואָס געפֿינט זיך נישט ווייט פֿון דעם ביאַליק־הויז.

איך בין געפֿאָרן צוריק קיין רעננה מיט מיין באַקאַנטן אויטאָבוס־אַנטרייבער, נהג. ער האָט זיך מיט מיר באַגריסט:

— נו, געווען צו ביאַליקס הזכרה? —

— פֿון וואַנען ווייסט איר עס? — האָב איך אים געפֿרעגט.

— איך בין זיך משער, — האָט ער געשמייכלט, — אַז אַ ייד ווי איר וועט נישט פֿאַרפֿעלן ביאַליקס יאָרצייט. קיין גרויסער עולם איז מסתמא נישט געווען.

— נו, איר האָט געטראָפֿן, אָבער איר זענט דאָך דאָרט נישט געווען, — האָב איך זיך געוווּנדערט, — איז פֿון וואַנען ווייסט איר, אַז עס זענען דאָרט געווען געציילטע מענטשן?

— איך קאָן אונדזער ישוב, — האָט ער געזאָגט מיט פֿאַרדרוס. — זעט איר, וועגן דעם מעגט איר זיך בייזערן און האָבן טענות צו אונדז. איר מעגט שרייבן וועגן דעם ענין מיט רוגזה.

— פֿון וואַנען ווייסט איר, אַז איך וועל שרייבן? — האָב איך אים געפֿרעגט.

— אַ שרייבער, וואָס באַזוכט ארץ ישראל, שרייבט אַ בוך. איר וועט אוודאי שרייבן אַ בוך, איר וועט מסתמא האָבן צו אונדז גענוג טענות. איצטיקע טענה וועט זיין אַ גערעכטע. ס'איז טאַקע נישט שיין און נישט רעכט, אַז אַ מיליטע-

רישער פֿאַראַד זאָל פֿאַרכאַפּן דעם גאַנצן ישוב, און צו ביאַליקס הזכרה זאָלן קור־מען מנינים בלויז. דרייט אונדז אָן אַ אויער. אָבער אָן רחמנות! זאָל אונדז דאָס פּנים פֿלאַמען.

— איך וועל מסתמא אייך צוליב טון, — האָב איך געענטפֿערט שפּאַסיק.

ווען איך בין צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק, האָב איך געלייענט אַ קאָרעס־פּאָנדענץ אין אַ העברעאישער צייטשריפֿט וועגן ביאַליקס הזכרה. דער שרייבער האָט באַשריבן ווי ווונדערבאַר די הזכרה איז דורכגעפֿירט געוואָרן. דער זאַל איז געווען געפּאַקט און דער עולם איז געווען פֿאַרגאַפֿט. אינגאַנצן קיין ליגן איז עס נישט געווען. דער קליינער זאַל האָט מער ווי פֿופֿציק מענטשן נישט געקאָנט אַריינעמען. דאָס וואָס די ווערענדע איז געווען ליידיק, דאָס איז דער קאָרעס־פּאָנדענט נישט מחויב צו דערציילן. און דאָס פּראָגראַם איז דאָך אַ געשמאַק־זאַך.